אידיש

# נַפְשִׁי שׁוּבִי

מתוך שיעורי תורת הנפש ע"י הגה"צ ר' יהושע נתן פייפער שליט"א, אבד"ק ברכת מנחם

גליון ו'

# דעם מענטשנ'ס מוח: א ריזיגן פאבריק

## תוכן הענינים:

**דער סיסטעם הינטער'ן באוואוסטזיין** - דער גוף ארבעט אן דעם מענטשנ'ס וויסן - **די צוויי חלקים פונעם מוח** - נפלאות הבורא יעדעס רגע - **ווי אזוי א פיזישער וואונד פארהיילט זיך** - די ביליאנען טיילן פונעם נפש - **דער הרגש איז די שפיץ פונעם אייזבארג** - ליינען אן טראכטן - **ווי אזוי ארבעט דער זכרון** - ווי אזוי דערמאנט מען זיך עפעס - **דער נפש פארגעסט גארנישט**

## אריינפיר

אין די פריערדיגע גליונות האבן מיר ארויסגעברענגט וויאזוי א מענטש דארף זיך מסדר זיין זיינע מחשבות און הרגשים; זיין מוח און זיין הארץ, כדי ער זאל האבן די ריכטיגע ישוב הדעת ווען עס קומט אונטער א שוועריגקייט. מיר האבן ארויסגעברענגט אז דער ערשטער און וויכטיגסטער שריט איז אז מען זאל נישט אריינפאלן אין א פאניק און בהלה, מען זאל זיך נישט טרעפן אין א מצב פון טירוף הנפש ווען עס האט פאסירט עפעס וואס האט אים געמאכט שפירן פארוויטאגט, צובראכן, טרויעריג אדער אויפגערעגט.

מיר האבן אויך ארויסגעברענגט אז יעדע מאל וואס א מענטש שפירט אז ער פאלט אריין אין א בהלה, דארף דער מענטש צום אלעם ערשטן וויסן זיך אפטייטשן און פארשטיין וואס ס'גייט פאר מיט אים, און גענוי וועלכע הרגש ער שפירט יעצט. צו ער שפירט כעס, צעבראכנקייט, עצבות, פחד, פאראנויע, און אזוי ווייטער, אלעס וואס ס'גייט פאר מיט אים, ווייל נאר אזוי וועט ער זיך קענען האלטן און וויסן וויאזוי אנצונעמען יעדע זאך.

## פארוואס ווערט א מענטש צעמישט?

יעצט לאמיר בעז"ה גיין א טריט ווייטער און פרובירן צו פארשטיין פארוואס דאס איז טאקע אזוי. ווי אזוי קען זיין אז א מענטש זאל באטרעפן א בהלה און ער זאל אליין נישט וויסן וואס עס גייט פאר מיט אים? און ווי אזוי איז בכלל מעגליך אז דער מענטש זאל שפירן עפעס, אן דעם וואס ער זאל פארשטיין וואס ער שפירט? א מענטש איז דאך א שכל'דיגע באשעפעניש וואס דער אויבערשטער האט באשאפן מיט זיין ענדלאזע חכמה, און בדרך כלל פירט ער זיך גאנץ שכל'דיג, איז **פארוואס זאל זיך קענען מאכן אז די געפילן זאלן אים אזוי צעמישן און פארטומלען?**

אז מען וועט אריינטראכטן אביסל טיפער, וועט מען איינזען אז ס'איז דא טויזנטער זאכן א טאג וואס א מענטש טוט, אן דעם וואס ער זאל אפילו טראכטן אז ער טוט עס. און אפילו ער איז באוואוסטזיניג דערצו, ווייסט ער אבער אליין נישט די סיבה פארוואס ער טוט עס. און לאמיר עס אביסל מסביר זיין.

## צוויי חלקים אין דעם מוח

מיט בערך הונדערט פופציג יאר צוריק זענען די גרויסע פסיכאלאגן אויפגעקומען מיט א געוואלדיגן חידוש: נעמליך, דער דער מוח פון א מענטש האט צוויי חלקים, איין חלק איז **העכער'ן באוואוסטזיין** (וואס מען רופט '**קאנשעס**') און דער צווייטער חלק איז **הינטער'ן באוואוסטזיין** (וואס מען רופט '**סוב-קאנשעס**').

איידער מיר גייען ווייטער מסביר זיין וואס די צוויי חלקים באדייטן, איז וויכטיג צו באטאנען אז די פסיכאלאגן האבן אפשר געמיינט אז זיי האבן דא אנטדעקט אמעריקע. אבער באמת איז דאס **בכלל נישט זייער חידוש**. דער גאנצער מהלך פון צעטיילן די מחשבות פונעם מענטש שטייט קלאר ארויסגעשריבן אין אונזערע ספרים. **הגאון ר' ישראל סאלאנטער זצ"ל** האט שוין געשריבן דערוועגן באריכות מיט פערציג יאר פריער, ווי מיר וועלן ברענגען שפעטער, און מ'וועט באלד זען אז אין די **ראשונים** און אין **חז"ל** איז עס שוין כמעט קלאר ארויסגעשריבן. אבער לאמיר צום ערשט צו נעמען די טעאריע מיט וואס מ'איז אויפגעקומען.

## די וואונדערליכע מאשין: דער מוח

דער מוח פון א מענטש איז א מורא'דיגע,

מורא'דיגע קאמפליצירטע מאשין וואס דער רבונו של עולם האט אוועקגעשטעלט כדי א מענטש זאל קענען לעבן, א מענטש זאל קענען אנגיין. אז מ'וועט אביסל אריינטראכטן וועט מען ווערן מלא התפעלות פון די וואונדער וואס דער אויבערשטער האט איינגעפלאנצט אין א נישטיגע דריי פונט, וואס די פארגעשריטנסטע קאמפיוטער קען זיך נישט אנהייבן צו פארגלייכן דערצו. יעדע **איינציגע סעקונדע** ווערט ארויסגעשיקט אינעם מוח אזויפיל ווי **הונדערט ביליאן (!) עלעקטראנישע סיגנאלן** וואס לויפן ארום מיט אן אומגלויבליכע שנעלקייט און שיקן וויכטיגע מעסעדזשעס פון איין ארט צום צווייטן.

וואס טוען די אלע עלעקטראנישע סיגנאלן? וואס פעלט אויס ארומצושיקן אזויפיל מעסעדזשעס כדי אז א מענטש זאל קענען טראכטן?

לאמיר עס צונעמען, טייערע אידן. דער מוח פון א מענטש איז נישט נאר דער שכל צו טראכטן. **דער מוח איז א קאמפיוטער וואס פירט די גאנצע מערכת פונעם גוף.** לאמיר נעמען א פשוט'ע ביישפיל: ווען א מענטש באקומט אמאל א שניט, עס גיסט בלוט פון דעם אפענעם וואונד, וואלט דאך דער מענטש געקענט אויסרינען פון בלוט און חלילה אויסגיין. אבער דאס פאסירט נישט, נאר די בלוט ווערט תיכף פארגליווערט, און צוביסלעך ווערט דער וואונד פארהיילט.

וואס טוט דער מענטש אז דער וואונד זאל זיך פארהיילן און צוריק צוזאמוואקסן? גארנישט! **דער אויבערשטער האט באשאפן א מענטש מיט די כוחות אין זיין גוף אליינס אז כמעט יעדע קלאפ אדער וואונד קען זיך פארהיילן פון זיך אליינס.**

ווי נאר מען באקומט דעם שניט באקומט דער מוח תיכף דעם מעסעדזש אז עס טוט אים עפעס וויי. דאס שיקט תיכף ארויס פארשידענע כעמיקאלן וואס ברענגען אז די אדערן זאלן פארשמעלערט ווערן אז די בלוט זאל נישט ארויסרינען אזוי גיך. פון דא און ווייטער קומט פאר א גאנצע "אפעראציע" דורך א רייע כעמיקאלן וואס ליגט אינעם מענטש. איינס מאכט אז דאס בלוט זאל ווערן אפגעשטעלט, די צווייטע בלאקירט די דרויסנדיגע באקטעריע פון אריינדרינגען אין דעם וואונד, די דריטע בויט אויף פרישע צעלן ביים אפענעם וואונד, די פערטע מאכט זיכער אז די נייע צעלן זאלן ווערן באקוועם און עס זאל צוקומען אקסיגען און בלוט צו זיי, און אזוי ווייטער און ווייטער.

די אויפגאבע פונעם מענטש איז פשוט... צו **ווארטן**. אלעס ווערט געטון אן זיין וויסן. יא, ער קען אמאל ארויפלייגן א שמירעכץ אז ס'זאל וויניגער וויי טון, אדער א באנדאזש אז דאס בלוט זאל שנעלער אויפהערן רינען, אבער די בעסטע שמירעכץ און באנדאזשן זענען **גארנישט** ווערד אויב דער קערפער

**ווען א מענטש באקומט אמאל א שניט, עס גיסט בלוט פון דעם אפענעם וואונד, וואלט דאך דער מענטש געקענט אויסרינען פון בלוט און חלילה אויסגיין. אבער דאס פאסירט נישט, נאר די בלוט ווערט תיכף פארגליווערט, און צוביסלעך ווערט דער וואונד פארהיילט.**

האט נישט די **אייגענע יכולת צו פארהיילן דעם וואונד.**

## דער מוח ארבעט אן אפשטעל

דאס איז נישט נאר ווען א מענטש באקומט א שניט, אפילו ביי מער ערנסטע קאמפליקאציעס איז דער מענטש געבויט אזוי אז רוב פון זיינע פראבלעמען זאל דער גוף אליין קענען באהאנדלען.

אפילו א ביין פון א מענטש וואס צעברעכט זיך, גייט עס פון זיך אליינס צוריקוואקסן. א דאקטאר קען ארויפלייגן א 'קעסט' כדי אז ס'זאל נישט וויי טון ווען מען בייגט זיך, אבער די ביין וואקסט צוריק פון זיך אליין, אן קיין שום מעדיצינישע פראצעדור. ס'איז דא געוויסע ביינער וואס נעמט שנעלער צוריקצוּוואקסן, ס'איז דא וואס נעמט לענגער. די שטערקסטע ביין, די שדרה, וואס איז די ערגסטע ביין וואס קען ווערן צעבראכן פון א מענטש, נעמט אינגאנצן צווישן **פיר** און **פינף** וואכן ביז דאס וואקסט צוריק.

וויאזוי וואקסט עס צוריק פון זיך אליינס? דער מוח פון דעם מענטש איז אויסגעשטעלט אז ווען עפעס פאסירט מיט דעם מענטש, העלפט ער פון זיך אליינס, אן דעם וואס דער מענטש זאל אפילו וויסן וואס דא קומט פאר. דער מענטש דארף גארנישט טון, **ער קען זיין רואיג און אנגיין מיט'ן לעבן ביז דער גאנצער פראצעדור איז געענדיגט.**

אויך ווען מען דארף נישט פארהיילן א וואונד אדער אן אנדערע פראבלעם, **ארבעט דער מוח אומאויפהערליך** זיכער צו מאכן אז אלעס ווערט געפירט אויפ'ן בעסטן פארנעם. דער מוח קאנטראלירט דאס בלוט וואס פארט ארום, די וויטאמינען וואס פארן ארום, די כעמיקאלן וואס העלפן פארדייען די עסן, און אזוי אויך יעדע פון די אלע ביליאנען פרטים וואס פעלן זיך אויס אז דער מענטש זאל זיין געזונט און שטארק. די חלקים וואס די הארץ דארף האבן פון די עסן גייט גיין צו די הארץ, די חלקים וואס די בלוט דארף האבן פון די עסן גייט גיין צו די בלוט, די חלקים וואס די נירן דארפן האבן גייט גיין דא, יעדע זאך מיט א פונקטליכקייט אויפ'ן האר, וואס **אויב איין זאך זאל חלילה נישט גיין כשורה איז דער מענטש אין א סכנה.**

## די וואונדערליכע נפלאות הבורא

הגאון רבי אייזיק שעהר זצ"ל, דער ראש ישיבה פון סלאבאדקע, האט געזאגט: ווען א מענטש גייט דורך אן אפעראציע שיקט ער א טעלעגראם פאר די משפחה, "ברוך השם, אלעס איז בסדר". יעדער איינער אטעמט אפ און מען דאנקט און מען לויבט דעם אויבערשטן. זאגט רבי אייזיק שעהר: "בעצם האט מען געדארפט יעדע מאל ווען א מענטש קומט ארויס פון בית הכסא **שיקן א טעלעגראם, 'ברוך השם, אלעס איז בסדר'...**" דאס הייסט אז ווען א מענטש זאל זיך מתבונן זיין וואספארא קאמפליצירטע פראצעדור עס איז יעדע פשוט'ע פונקציע פונעם גוף, וואלט ער נישט געקענט אויפהערן לויבן און דאנקען דעם אויבערשטן.

ווען אונז וואלטן געוואוסט וואס ס'טוט זיך אלס אפ אין דעם מוח פון א מענטש, און וואס ווערט אלס קאנטראלירט דארט, וואלטן מיר נישט געקענט קומען צו זיך פון התפעלות. דער מוח פון דעם מענטש ווייסט אפצוטייטשן יעדע רגע וואס דער גוף פון דעם מענטש דארף יעצט האבן. דער מוח פון דעם מענטש איז דער קאמפיוטער וואס באשיצט דעם מענטש. צום ביישפיל, ווען א מענטש גייט אריין אין קאלטע וואסער, אדער ער גייט אינדרויסן אינמיטן א פארפרוירענעם ווינטער און ס'איז ביטער קאלט, הייבט ער אן ציטערן די הענט און פיס. דער ציטער ווערט געטון פון זיך אליין, אן דעם וואס ער זאל ס'יי וואס טון. פארוואס ציטערט ער? **וואס האט אים פלוצלינג אנגעכאפט א ציטערניש?** ער ציטערט ווייל דער מוח פון דעם מענטש זאגט אים... "יעצט ביסט אין דער קעלט, ממילא הייב אן ציטערן זיך צו האלטן ווארעם, די קעלט זאל נישט קענען אריינדרינגען." דאס ווערט געטון פון זיך אליין, און **דער מענטש קען עס נישט אפשטעלן אפילו ער זאל וועלן!**

## אלעס ווערט אפגעטון אן וויסן...

אזוי קען מען ברענגען טויזנטער ביישפילן ווי דער גאנצער מענטש פונקציאנירט און ארבעט ווי א וואונדערליכע מאשין, אן דעם וואס עס זאל אפילו באמערקן אז עס טוט זיך עפעס אפ. און דאס איז א טובה פאר'ן מענטש. שטעלט זיך פאר אז יעדע מאל פאר א מענטש אטעמט, וואלט ער פאקטיש געדארפט טראכטן, "אקעי, **איך דארף יעצט אריינאטעמען**." נאכדעם וואלט ער געמוזט זיך דערמאנען, "**אה, יעצט דארף איך ארויסאטעמען**." און טאמער וואלט ער פארגעסן פאר אפאר מינוט אריינצואטעמען וואלט ער חלילה אויסגעגאנגען...

דער באשעפער האט ספעציעל איינגעשטעלט אז דער מוח פונעם מענטש זאל קאנטראלירן דעם גאנצן קערפער, אן דעם וואס ער זאל זיין **באוואוסטזיניג** דערצו. דאס הייסט אז רובא דרובא פון די פונקציעס פון א מענטש קומען פאר **אונטער זיין באוואוסטזיין** - אן דעם וואס ער זאל אפילו **וויסן** אז ער טוט עפעס. נאר אויב ס'איז חלילה דא עפעס א פראבלעם, אז דער מוח ווערט חלילה געשעדיגט, דעמאלט כאפט מען זיך, "**אה, דא איז דא א גאנצע פאבריק וואס איז געגאנגען שלאפן**"...

## דער פאבריק פונעם נפש

פונקט ווי מיר פארשטייען אז דער **גוף** פון א מענטש ארבעט מיט א מורא'דיגע פארגעשריטענע סיסטעם פון **ביליאנען און טריליאנען** חלקים וואס ארבעטן אלע אן אפשטעל, פיר און צוואנציג שעה א טאג, כאטש דער מענטש אליין **ווייסט כמעט נישט דערפון**, אזוי אויך איז מיט'ן נפש פון א מענטש. דער נפש באשטייט פון אומצאליגע חלקים און גאנצע "פאבריקן" וואס דער מענטש ווייסט ניטאמאל אז זיי עקזיסטירן, וואס איז אלעס אונטער'ן באוואוסטזיין. דער מענטש שפירט בלויז דעם שפיץ פון דעם אייזבארג, דער ענדגילטיגער רגש, אן קיין השגה וואס טוט זיך אלס אפ אונטער דעם.

מען ווייסט היינט אפילו אנצוצייכענען אז דער מוח איז איינגעטיילט אין **צוויי באזונדערע חלקים**. דער פאדערשטער, דרויסנדיגער חלק פון דעם מוח איז דער פלאץ וואו די מחשבות און די שכל געפינט זיך, וואס א מענטש איז באוואוסטזיניג דערצו. אבער אין דעם הינטערשטן חלק פונעם מוח, מער אינעווייניג, איז באהאלטן אלע אומצאליגע זכרונות, הרגשים, און ערפארונגען וואס דער מענטש איז **בכלל נישט באוואוסטזיניג דערצו**.

## דער חידוש פונעם רמב"ן

דער חידוש האט מען נישט לעצטנס

## רובא דרובא פון די פונקציעס פון א מענטש קומען פאר אונטער זיין באוואוסטזיין - אן דעם וואס ער זאל אפילו וויסן אז ער טוט עפעס

אויסגעטראפן, נאר מיט באלד טויזנט יאר צוריק ווערט דאס שוין געברענגט אין הייליגן רמב"ן על התורה. דער רמב"ן שרייבט אויפ'ן פסוק "וְהָיָה לְךָ לְאוֹת עַל יָדְךָ וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ" (שמות יג, ט) די פאלגנדע ווערטער: שֶׁיַּנִּחוּ בִּמְקוֹם הַזִּכָּרוֹן בֵּין הָעֵינַיִם שֶׁהוּא רֵאשִׁית הַמּוֹחַ, וְהוּא **תְּחִלַּת הַזִּכָּרוֹן וּמַעֲמַד הַצּוּרוֹת אַחֲרֵי הִפָּרְדָן מִלְּפָנָיו**, וְהֵם מַקִּיפִים אֶת כָּל הָרֹאשׁ בִּרְצוּעוֹתֵיהֶם, וְהַקֶּשֶׁר שֶׁהוּא עַל אַחֲרִית הַמּוֹחַ **הַמְשַׁמֵּר הַזְּכִירָה**.

דער הייליגער רמב"ן איז מסביר אז דער אויבערשטער האט באפוילן צו לייגן די תפילין של ראש אויפ'ן פאדערשטן חלק פונעם מוח, ווייל דארט איז דער פלאץ וואו עס **הייבט זיך אן דער זכרון**, וואו מען געדענקט יעדע זאך וואס מען האט **ממש יעצט געזען**. אויף דעם אנדערן עק פונעם קאפ בינדט מען אן דעם **קשר** ביים הינטערשטן חלק פון דעם מוח, וואס דארט ווערן **אפגעהיטן אלע אלטע זכרונות**.

דאס איז ממש אפענע דיבורים וואו מען זעט קלאר דעם יסודות'דיגן געדאנק אז עס איז דא א חלק אין דעם מוח וואס האלט זיך די יעצטיגע מחשבות, וואס זענען נאך פריש אין זכרון, און ס'איז דא א חלק אינעם מענטש, ביים קשר של ראש, וואס דארט איז פארהאן א ריזיגע סטארעדזש פון אומצאליגע ביליאנען אלטע זכרונות וואס דער מענטש האט נישט קיין אפענע צוטריט דערצו. די סיבה פארוואס מען לייגט תפילין של ראש אויף דעם אופן, איז כדי צו ווייזן אז דער גאנצער מוח, סיי העכער'ן באוואוסטזיין און סיי אונטער'ן באוואוסטזיין, דארף זיין משועבד צום בורא כל עולמים.

## דער אמת'ער באדייט פון שכחה

לאמיר געבן א משל וואס מען קען פארשטיין לויט די היינטיגע באגריפן.

יעדער ווייסט אז אויב מען לייגט עפעס אריין אין א קאמפיוטער, מען שיקט אן אימעיל וכדומה, בלייבט עס אייביג און מען קען עס שפעטער אויפזוכן. אפילו אויב איינער מעקט אויס דעם אימעיל, מיינט עס נאכנישט אז עס איז פארשוואונדן געווארן, נאר אז מען קען עס נישט זען. אויב זאל קומען א פארגעשריטענער קאמפיוטער טעכניקער פון די עף. בי. איי. וועט ער קענען אויפזוכן אפילו די פארמעקטע זאכן אינעם קאמפיוטער. דאס מיינט אז ווילאנג דער כלי עקזיסטירט, בלייבט נאך עפעס א רושם. די איינציגע וועג צו אמת'דיג פארמעקן די אינפארמאציע אין דעם קאמפיוטער איז צו **נעמען א האמער און צוזעצן דעם קאמפיוטער אויף פיצלעך**.

דער מוח פון א מענטש איז **אסאך מער פארגעשריטן ווי דער פארגעשריטנסטער קאמפיוטער**! יעדע זאך וואס א מענטש זעט, וואס א מענטש הערט, וואס א מענטש לערנט, גייט אריין אין זיין מוח און אלעס בלייבט דארט. גארנישט ווערט נישט אויסגעמעקט! נאר וואס דען? א מענטש קען דאך נישט פארנעמען אזוי סאך אינפארמאציע. אויב זאל יעדע זאך וואס ער זעט און הערט בלייבן פריש אין זכרון אויף שטענדיג, וועט ער זיך נישט קענען פאראויס רוקן אין לעבן. דערפאר האט דער אויבערשטער געמאכט א זאך וואס רופט זיך "שכחה".

ווי אזוי פארגעסט מען עפעס? **פארגעסן מיינט אז בלויז די אינפארמאציע האט זיך גערוקט פון איין ארט אין דעם מוח צום צווייטן**. אנשטאט עס זאל זיין אין פאדערשטן חלק פונעם מוח, וואו דער מענטש איז באוואוסטזיניג דערצו, ווערט עס באהאלטן אין דעם הינטערשטן חלק פון דעם מוח, וואו דער מענטש ווייסט אפילו נישט אז עס עקזיסטירט נאך. עס ווערט כאילו אריינגעלייגט אין א "סטארעדזש". דארט ליגט אלעס, און אויב עס וועט אויספעלן וועט עס ווערן צוריק ארויפגעברענגט אין זכרון.

## דער מוח פארגעסט גארנישט

לאמיר נעמען א ביישפיל וואס מאכט זיך טאג טעגליך.

א מענטש טרעפט אמאל איינעם אויפ'ן פליגער, און עס זעט אים אויס אז ער געדענקט יענעם פון ישיבה. ער הייבט אן שמועסן און ער דערמאנט אים, "אה, שלום עליכם, דו ביסט יאנקל?"

"יא, ווער ביסטו? פון וואו קענסטו מיין נאמען?"

יאנקל דערקענט אים נישט. עס איז שוין אדורך א צוואנציג יאר זינט זיי האבן געלערנט צוזאמען אין ישיבה. און דער איד פרובירט אים צו דערמאנען.

"יא, איך בין שרגא כהן, אונז האבן געלערנט אין ישיבה קטנה צוזאמען..."

יאנקל ציט מיט די פלייצע. "וואס? שרגא כהן? **איך געדענק נישט אזא נאמען**." ער ווייסט נישט פון וואס מען רעדט.

שרגא הייבט אים אן דערמאנען, "געדענקסט נישט? איך בין געזעצן אויף יענע פלאץ, און דו ביסט געזעצן איין טיש נאכדעם. איין זמן האבן אונז אפילו געלערנט בחברותא צוזאמען ביי פארטאגס סדר. דאכט זיך מ'האט דעמאלטס געלערנט הלכות שבת ביי ר' אשר גרין... נו, יאנקל, **דערמאן דיך...**"

יאנקל רייבט דעם שטערן און צוביסלעך הייבן אים אן ארויפשווימען די זכרונות אין קאפ. "**אה, שרגי!**" רופט ער אויס. "אוודאי, אונז האבן דעמאלט געלערנט סימן שי"ח... איך געדענק נאך ווי אונז האבן פלייסיג געלערנט. **איי, וואו נעמט מען צוריק די בחור'ישע יארן...**"

לאמיר אריינטראכטן. וואס האט דא פאסירט? יאנקל האט שוין געהאט לאנג פארגעסן אז ער האט אמאל געהאט א חברותא שרגי, אבער ווען שרגא האט אים באגעגנט און אים אנגעהויבן דערמאנען ווער ער איז, אנגעבנדיג אלע סימנים וואס האבן צוריק אויפגעוועקט זיינע זכרונות, האט ער זיך פלוצלינג דערמאנט. אבער איין רגע, אויב ער האט שוין פארגעסן דערפון, איז דאך פשט אז דער געשעעניש איז געווארן אויסגעמעקט פון זיין זכרון, **ווי אזוי איז עס פלוצלינג צוריקגעקומען?** דאס האט דאך נישט קיין הסבר.

דער תירוץ איז אז **יאנקל האט קיינמאל נישט פארגעסן**. די סיבה פארוואס ער געדענקט עס נישט איז ווייל עס איז אים שוין לאנג נישט געווען וויכטיג צו וויסן ווער שרגא כהן איז, דערפאר איז די אינפארמאציע געווארן **באהאלטן אין די טיפע קעמערלעך פון זיין זכרון**. אבער איינמאל עס איז אים פלוצלינג געווארן וויכטיג צו געדענקען ווער איז געווען זיין פארטאגס חברותא אין ישיבה קטנה, האט דער מוח **אויפגעזוכט די אינפארמאציע און עס אפירגעברענגט.**

## ווי אזוי קען מען ליינען און טראכטן

רבי ישראל סאלאנטער לייגט עס אראפ אויף אן אנדערן אופן. ער זאגט אז ווען א יונגל הייבט אן לערנען עברי, דארף ער זיך שטארק אנשטרענגען צו קענען ליינען אפילו איין אות. ער דארפט טראכטן: קמץ אלף איז אָ, קמץ בית איז בָּ. און ווען ער גייט זען א ווארט "בְּרֵאשִׁית", דארף ער טראכטן ביי יעדן אות באזונדער. דאס איז א ב' מיט א פינטעלע אינעווייניג און ס'האט אויך א שווא, מען זאגט דאס ארויס בְּ, דערנאך קומט א ר' מיט א צירי, איז עס רֵ, און אזוי ווייטער ביז עס שטעלט זיך צוזאם דאס ווארט. אבער ווען א מענטש איז ערוואקסן, קען ער לייכט עפענען סיי וועלכן ספר און אנהייבן זאגן. אפילו אויב עס רעדט זיך פון **שווערע ווערטער וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געזען** און ער פארשטייט נישט, ווי למשל ספר דניאל, וועט ער **נאכאלס קענען זאגן מיט א פליסיגקייט**.

ווי אזוי קען דאס זיין? פארוואס דארף דער מענטש זיך נישט אפשטעלן טראכטן ביי יעדן אות און נקודה ווי אזוי מען זאגט דאס ארויס? עס איז דאך נישט פשט אז ווייל ער איז ערוואקסן איז ער שוין קלוגער ממילא קען ער שוין ליינען פליסיג. והא ראי' אז אויב ער וועט זיך לערנען א פרעמדע שפראך מיט פרעמדע בוכשטאבן וועט אים זיין פונקט אזוי שווער צו ליינען ווי א יונג קינד.

זאגט רבי ישראל סאלאנטער, דער פשט איז אז עס ווענדט זיך וואו די אינפארמאציע ליגט. ווען די אינפארמאציע איז נאך ניי און פריש, דארף דער מענטש טראכטן דערפון כדי עס צו קענען נוצן. אבער איינמאל דער מענטש ווערט געוואוינט דערצו, ווערט עס גערוקט צו **אן אנדער'ן פלאץ**, הינטער'ן באוואוסטזיין, און דארט דארף מען ניטאמאל וויסן אז ס'עקזיסטירט. א מענטש קען ליינען א גאנצע בלאט און נישט געדענקען אפילו איין ווארט דערפון, ווייל ער האט נישט געדארפט נוצן דעם קאפ כדי עס צו קענען אפליינען. דער **גאנצער פראצעדור** פון טראכטן וועלכע אות דאס איז, און וועלכע נקודה דאס איז, און צו עס איז אין אנהויב אדער ביים סוף פון א ווארט, ווערט געטון **אויטאמאטיש**, אן דעם וואס דער מענטש זאל וויסן דערפון.

לאמיר יעצט נישט אריינגיין אין די נפלאות הבורא דערפון, וואס איז א שמועס פאר זיך. מיר ווילן צוקומען צו די נקודה אז א מענטש זאל זיך נישט איינרעדן אז ווייל ער האט עפעס פארגעסן, אדער אויב עפעס האט פאסירט גאר א לאנגע צייט צוריק, איז עס געענצליך פארשוואונדן פון זיין זכרון. ניין, **עס געפינט זיך נאך אין זיין מוח**, **און עס קען ארויפשווימען אין א ליאדע מינוט**, אויב דער מוח שפירט אז מען דארף עס ארויפברענגען.

און וואס איז דאס נוגע צו אונזער שמועס איבער תורת הנפש? דאס וועלן מיר זען קומענדיגע גליון אי"ה.

## משיבת נפש

נקודות העולות מן המבואר:

- **די מחשבות העבער'ן באוואוסטזיין (קאנשעס) איז א קליינער טייל פונעם נפש.**
- די עיקר מערכה פונעם מוח טוט זיך אפ הינטער'ן באוואוסטזיין (סוב-קאנשעס).
- **דער מוח איז פיל מער פארגעשריטן ווי די פארגעשריטנסטע קאמפיוטער.**
- דער מענטש ווייסט נישט פון אלע פיזישע זאכן וואס טוען זיך אפ אין זיין קערפער.
- **דער מענטש איז אומבאוואוסטזיניג צו זיינע פילע הרגשים און חלקים פונעם נפש.**
- יעדעס שטיקל אינפארמאציע ווערט באהאלטן אין די טיפע קעמערלעך פונעם מוח.
- **שכחה מיינט אז עס ווערט אריבערגעפירט צו א צווייטע פלאץ אינעם מוח.**
- ווען א מענטש לערנט זיך עפעס אויס, גייט עס אריין הינטער'ן באוואוסטזיין.
- **דער מוח פארגעסט גארנישט, און מען קען זיך יעדע זאך שטענדיג צוריק דערמאנען.**

לקבלת הגליון והשיעורים, להערות והנצחות נא לפנות לכתובת מייל
office@nafshyyeshoveiv.org
קו השיעורים 718-400-7566 - בארץ ישראל: 077-850-9310



OREGRAPH